# מיט א טיפערן בליק
# פרשת חיי שרה תשפ"ב
# ווען איך בין א נוֹגֵעַ בְּדָבָר

בס"ד

א גוטן טייערע חבירים וידידים..!

אין אונזער פרשה דערציילט אונז די תורה הקדושה באריכות ווי אברהם אבינו שיקט ארויס זיין קנעכט אליעזר אויף א שליחות, צו גיין זוכן א פאסיגע שידוך פאר זיין זוהן יצחק. אברהם אבינו גיבט אים פונקטליכע אנווייזונגען, אז ער וויל נישט אז ער זאל נעמען א כלה פאר יצחק פון די טעכטער פון כנען וואו זיי האבן געוואוינט, נאר ער זאל זיך ארויסלאזן זוכן א שידוך דווקא פון זיין משפחה און פון זיין היימשטאט, און ער הייסט אים שווערן אז ער וועט פאלגן און טוען דאס וואס ער באפעלט אים.

אליעזר פון זיין זייט זארגט זיך שטארק וואס וועט זיין אויב זיין שליחות וועט נישט ריכטיג מצליח זיין, און ער פרעגט פון אברהם אבינו **אוּלַי לֹא תֹאבֶה הָאִשָּׁה לָלֶכֶת אַחֲרַי אֶל הָאָרֶץ הַזֹּאת**, וואס וועט זיין אויב דאס מיידל וועט נישט וועלן קומען אהער קיין ארץ כנען, זי וועט נישט מסכים זיין צו פארלאזן איר פלאץ, וואס טוט מען דעמאלטס? זאל איך לאזן יצחק גיין וואוינען דארט? אבער אברהם ענטפערט ניין, **הִשָּׁמֶר לְךָ פֶּן תָּשִׁיב אֶת בְּנִי שָׁמָּה**, מיין זון זאל נישט גיין וואוינען דארט, און אברהם אבינו ערקלערט אים אז ער פארלאזט זיך אויף השי"ת אז ער וועט באגליקן זיינע וועגן, **ה' אֱלֹקֵי הַשָּׁמַיִם אֲשֶׁר לְקָחַנִי מִבֵּית אָבִי וּמֵאֶרֶץ מוֹלַדְתִּי וַאֲשֶׁר דִּבֶּר לִי וַאֲשֶׁר נִשְׁבַּע לִי לֵאמֹר לְזַרְעֲךָ אֶתֵּן אֶת הָאָרֶץ הַזֹּאת הוּא יִשְׁלַח מַלְאָכוֹ לְפָנֶיךָ**, דער אייבישטער וואס האט מיך קיינמאל נישט פארלאזט און מיר צוגעזאגט צו געבן די לאנד פאר מיינע קינדער, ער וועט אויך יעצט שיקן זיין הילף, און דו וועסט מצליח זיין און טרעפן דעם ריכטיגן זיווג פאר יצחק, און אויב נישט, טאמער קענסטו בשום אופן נישט טרעפן א מיידל וואס וועט מסכים זיין צו קומען דא אהער, דעמאלטס ביסטו פטור, און דו ביסט ריין פון די גאנצע שבועה וואס איך האב דיר באשוואוירן.

און די סוף פון די מעשה איז דאך גוט באקאנט, אליעזר גייט טאקע אויספירן זיין שליחות, און ער מאכט א סימן צו זעהן וועלכע מיידל וועט זיין א בעלת חסד און ראוי אריינצוקומען אין די שטוב פון אברהם אבינו, ער טרעפט רבקה וואס האט אים געגעבן צו טרינקן און אויך פאר זיינע בהמות, און ער גייט תיכף אריבער צו בתואל אינדערהיים וואו ער שליסט דעם שידוך, און דערציילט זיי די וואונדערליכע השתלשלות און די הילף פון הימל וואס ער האט זוכה געווען אנצוקומען צו רבקה וואס איז די פאסיגע כלה פאר יצחק.

למעשה דערציילן אונז חז"ל וואס איז פאָרגעקומען דא 'אונטער די קוליסן' בשעת אליעזר שמועסט זיך אויס מיט אברהם אבינו איבער זיין זארג אויב דאס מיידל וועט נישט וועלן קומען, ווי רש"י ברענגט **"בת היתה לו לאליעזר והיה מחזר למצוא עִילָּה שיאמר לו אברהם לפנות אליו להשיאו בתו, אמר לו אברהם בני ברוך ואתה ארור, ואין ארור מדבק בברוך"**, אליעזר האט אליינס געהאט א טאכטער אין די יארן און ער האט געגלוסט זיך משדך צו זיין מיט אברהם אבינו, ער האט געוואלט זוכה זיין צו האבן יצחק אבינו פאר אַן איידעם, און דעריבער האט ער געזוכט א תירוץ, א עצה, אפשר וועט אים געלונגען אז אברהם אבינו וועט זיך בארעכענען און זאגן אז ער איז גרייט זיך משדך צו זיין מיט אליעזר. און ווי ס'איז מרומז שפעטער אין די פרשה ווען אליעזר דערציילט די געשיכטע פאר בתואל און לבן, דערציילט ער צווישן זיינע רייד אז ער האט געזאגט פאר זיין האַר אברהם "**אֻלַי** לֹא תֵלֵךְ הָאִשָּׁה אַחֲרָי" אפשר וועט דאס מיידל נישט וועלן נאכגיין נאך מיר, און ער האט געפרעגט אויב ער זאל פירן יצחק אהין. רש"י זאגט אז דערווארט "אֻלַי" שטייט אָן די אות ו' (אוּלַי) ווייל דאס איז די זעלבע אותיות ווי "אֵלַי" און אליעזר האט געמיינט מרמז צו זיין דערמיט צו אברהם אז אפשר זאל יצחק קומען צו מיר און ווערן מיין איידים. אבער אברהם אבינו ענטפערט אים אפענערהייט "בני ברוך ואתה ארור, ואין ארור מדבק בברוך" מיין זוהן יצחק איז געבענטשט, און דו ביסט פארשאלטן, אלס עבד כנעני איז אליעזר געווען 'ארור' און דעריבער קענען מיר זיך נישט משדך זיין, ווייל א ארור קען זיך נישט באהעפטן מיט א ברוך.

ווען מ'לערנט גוט אדורך די פסוקים, ווערט באלד שווער עטליכע נקודות, קודם כל וואס איז טאקע די גאנצע אריכות וואס די תורה דערציילט אונז וועגן אליעזר און זיין שליחות צו גיין טרעפן א זיווג פאר יצחק, אויב איז ער בלויז א עבד כנעני וואס באדינט אברהם אבינו, וואס פעלט אויס די גאנצע שקלא וטריא וואס איז פארגעקומען צווישן אים און אברהם, וואס פאר א לימוד לדורות קענען מיר ארויסלערנען פון דעם.

און צווייטענס ווערט נאך מער שווער, וואס איז טאקע פשט אז אברהם אבינו זאגט אים אין פנים אריין **"בני ברוך ואתה ארור, ואין ארור מדבק בברוך"**, מיט אונזער קליינע שכל זעהט דאס דאָך אביסל אויס קעגן די מידת החסד וואס מיר זענען צוגעוואוינט צו טרעפן ביי אברהם אבינו, זיין רחמנות און געפיל צו יעדע מענטש, צו דען איז ער נישט מצער אליעזר ווען ער זאגט קלאר און דייטליך אז ער איז א פארשאלטענע עבד (מיר וואלטן פארשטאנען אז עס פאַסט זיך אפשר 'אפצושאקלען' פון אים בדרך כבוד און זיך ארויסדרייען פון ענטפערן פארוואס דער שידוך איז נישט פאסיג). און נישט נאר דאס, נאר אברהם איז ווייטער ממשיך מיט'ן שיקן אליעזר אויף די שליחות, אנשטאט זיך רעכענען מיט אליעזר'ס געפילן און טראכטן אז ס'וועט אים ווי טוען צו זיין דער וואס גייט טרעפן א פרעמדע מחותן פאר אברהם אבינו אין די צייט וואס ער אליין וואלט דאס אזוי שטארק געוואלט פאר זיך, אברהם אבינו מאכט זיך נישט צוטון פון דעם פאקט, נאר ער וויל אז דווקא אליעזר און נישט קיין צווייטער זאל אנגיין מיט זיין תפקיד און ברענגן א אנדערע שידוך פאר יצחק, וויאזוי קען דאס טאקע זיין אז אברהם אבינו דער מקור החסד זאל זיך אזוי פירן און פארוואס.

און צום לעצט איז די גרעסטע פֶּלא, מיר געפונען אין חז"ל (בר"ר ס') אז צום סוף איז אליעזר געווארן אויס 'ארור' און ער איז געווארן א 'ברוך', ווי חז"ל זאגן אויפן פסוק "בּוֹא בְּרוּךְ ה'" וואו מיר געפונען אז אליעזר ווערט אינגערופן מיט'ן נאמען ברוך, **"ועל ידי ששרת אותו צדיק באמונה יצא מכלל ארור לכלל ברוך"**, וויבאלד ער האט ערליך באדינט אברהם אבינו האט ער זוכה געווען צו ווערן א ברוך, נו אויב אזוי וואלט דאך אפשר דער שידוך יא געקענט צושטאנד קומען, פארוואס האט אים אברהם טאקע אפגעזאגט?.

איידער מיר וועלן פראבירן מבאר צו זיין אונזער נושא און צוקומען צו די ריכטיגע חיזוק און הדרכה וואס מיר קענען בסייעתא דשמיא ארויסנעמען פון דעם, לאמיר אנהייבן מיט א הערליכע מעשה וואס רעדט פאר זיך אליין.

ר' זלמן איז א איד וואס השי"ת האט אים געבענטשט מיט אלעם גוטן, וה' ברך את זלמן בכל, א איד וואס האט ריכטיג זוכה געווען צו תורה וגדולה, ער האט א הערליכע שטוב מיט פיינע קינדער און אייניקלעך תלמידי חכמים וואס זענען עוסקים בתורה ובמצוות, ער זעלבסט איז א איש מצליח מיט פארצווייגטע געשעפטן און א גרויסע עשירות, און ס'איז קלאר אז עס באגלייט אים א אויסטערלישע סייעתא דשמיא און מזל אין יעדע זאך וואס ער טוט. אמאל רעדנדיג מיט זיין זון איבער די סוד פון זיין פאטער'ס הצלחה, זאגט דער זון, כ'וועל דיר דערציילן א זאך וואס ווייניג מענטשן

ווייסן דערפון, אבער איך מיין אז אין דעם ליגט די שליסל צו מיין טאטע'ס מזל און ברכה וואס ער האט זוכה געווען. און דער זון דערציילט:

מיט יארן צוריק איז מיין טאטע זאל זיין געזונט געווען שטארק אקטיוו אין א געוויסע חשוב'ע קהלה, ער איז געווען פון די ראשי הקהילה, און זיך באמת איבערגעגעבן מיט לייב און לעבן פאר די הצלחה פונעם פלאץ, ער האט אריינגעלייגט גרויסע כוחות, צייט, און געלט. אבער מעשה שטן הצליח, ס'איז געווארן א שטיקל סכסוך אינערהאלב די קהילה, מענטשן האבן געהאט טענות קעגן דעם און יענעם, און מיין טאטע איז אויך געפאלן א קרבן צו די ויכוחים און רייבערייען, מענטשן האבן פארלאנגט אז ער זאל זיך אפזאגן און אפטרעטן פון בלייבן אין די הנהלת הקהילה. מיין טאטע האט זיך נישט פארזוימט נאר ער איז תיכף אריבערגעגאנגען צו איינס פון די גדולי הדור און געפרעגט זיין דעת תורה וויאזוי ער זאל זיך פירן פון דא און ווייטער, זאל ער בלייבן? זאל ער גיין? זאל ער ענטפערן אויף די טענות?, זיין רבי האט אדורכגעטוען דעם ענין מיט אַן ערנסטקייט, און דערנאך מכריע געווען אז מיין טאטע זאל שטילערהייט פארלאזן זיין פלאץ, ער זאל בשום אופן נישט בלייבן ווייטער אויף זיין פאזיציע, נאר אוועקגיין פון דארט וואס שנעלער פאר זיין אייגענע טובה. אומר ועושה, מיין טאטע האט געפאלגט, און ער האט אפגעטרויטן פון זיין אמט און בעצם כמעט אינגאנצן פארלאזט די קהילה און פלאץ וואס ער האט אזוי ליב געהאט און אריינגעלייגט אזויפיל מיה און הארעוואניע ביז יעצט.

אבער איין זאך וואס ווייניג מענטשן ווייסן, אז מיין טאטע איז געווען דער גרעסטער שטיצער פונעם דארטיגן 'כולל', ער האט יעדן איינציגסטן חודש זיך געלאזט קאסטן א ריזיגע סכום געלט פון זיין אייגענע טאש כדי מ'זאל האבן וואס צו באצאלן פאר די כולל יונגעלייט. ביי יענעם סכסוך איז ער געוואויר געווארן אז עטליכע פון די יונגעלייט אין 'זיין' כולל, זענען גאר געווען די וואס זענען געווען קעגן אים און זענען ארומגעגאנגען העצן אנדערע און אנגעפירט די קאמפיין מיט די טענות און מענות וואס מ'האט געהאט צו אים, נישט וויסענדיג אז ער איז דער נדיב, אז ער איז דער וואס האלט זיי אויס פון זיין קאסע און צאלט זייער חודש'ליכע געהאלט פון כולל. זיינע נאנטע ידידים און קרובים וואס האבן געוואוסט דערפון האבן אלע געשריגן צו אים פֶּה אחד אז ס'איז געקומען די צייט אפצוהאקן די שטיצע, צו ענדיגן מיט'ן זיין די פרנס פארן כולל, א פלאץ וואס האט אים פערזענליך אזוי ווייט געטון, און ער זאל נישט זיין קיין 'נאַר' צו געבן ווייטער זיין תמיכה פאר אט די יונגעלייט וואס האבן אים בא'עוול'ט. מיין טאטע איז געווען איינער אליינס מיט זיין מיינונג, ווייל 'יעדער' ארום אים האט פארשטאנען אז ער מוז אויפהערן מיט זיינע נדבות פארן כולל, אבער מיט א זעלטענע גבורת הנפש, איז ער אנגעגאנגען מיט זיינס, ער האט דעם קומענדיגן חודש, און אזוי אויך אלע קומענדיגע חדשים נאכדעם, ווייטער געשיקט דאס געלט פארן כולל כאילו לא היה, ווי ס'וואלט גארנישט פאסירט, און אזוי האט דאס אנגעהאלטן א לאנגע צייט, און אפשר אפילו נאך יעצט, אנדעם וואס איינער זאל בכלל ווייסן און מיטהאלטן די העלדישע כוחות און מסירות נפש וואס מיין טאטע האט באוויזן אין זיינע שווערסטע אומשטענדן. **"און אויב דו פרעגסט מיר, דאס איז לכאורה די סיבה פאר זיין ברכה, דער אייבישטער האט געזען וויאזוי ער איז בייגעשטאנען זיין נסיון, ער האט מיט א אויסערגעווענליכע שטארקייט געטון וואס קיין שום 'נארמאלע' מענטש וואלט נישט געטון, און דעריבער האט ער זוכה געווען צו וואס ער האט זוכה געווען"** האט זיין זון אויסגעפירט.

טייערע ברידער און שוועסטער, די מעשה עפנט אויף פאר אונז אביסל די סוגיא פון 'נגיעה' וואס איז דא ביי מענטשן, ווען ס'קומען אריין אין בילד די מענטשליכע געפילן און אייגענע אינטערעסן און נגיעות וואס שלעפן דעם מענטש אין א געוויסע ריכטונג. דאס מאכט זיך ביי אונז מעשים בכל יום, וויפיל מאל האבן מיר א געפיל צו טוען א גוטע זאך, מיר ווייסן וואס איז ריכטיג און וואס מ'פארלאנגט פון אונז פון הימל, אבער דא הייבן זיך אָן די חשבונות, די נגיעות וואס זענען ממש אזויווי 'שׂוֹחַד' וואס פארבלענדן די אויגן, און דער מענטש הייבט אָן צו זעהן ממש קלאר פארוואס יעצט דארף ער נישט אזוי טוען, וואס זאל ער טוען אבער 'די' מצב איז אנדערש, היינט קען איך בשום אופן נישט, און פיל מיט תירוצים וואס פארדרייען די מענטש נישט צו טוען וואס מען דארף. און אמאל איז עס טאקע די גאנצע סביבה ארום, יעדער טוט אנדערש, יעדער פארשטייט פארקערט, ווי מיר האבן שוין גערעדט עטליכע מאל די כוח און השפעה וואס א סביבה האט אויף א מענטש, און מען הייבט אָן צו פילן ווי ס'איז כמעט נישט מעגליך צו בלייבן שטארק ביי זיך און טוען וואס איז ריכטיג.

און וויפיל מאל ווייסט מען בכלל נישט אז מ'איז א 'נוגע בדבר' און מען כאפט אינגאנצן נישט אז די סיבה פארוואס איך וויל טוען א געוויסע זאך איז בלויז צוליב מיינע פריוואטע נגיעות, איך וויל נישט טוען וואס איז אמת'דיג גוט, נאר איך וויל טוען וואס עס איז באקוועם פאר מיר, און כדי זיך צו בארואיגן און פילן גוט מיט די החלטה וואס מיר האבן געמאכט צו טוען א געוויסע זאך, ממילא **'מאכט מען שוין אז ס'זאל שטימען'** און די גאנצע מציאות דרייט זיך אויס ווייל מיר האבן עפעס א נארישע חשבון וואס וויל אזוי.

דאס קען זיין נוגע אין יעדע טייל פון לעבן, צו ס'זאל זיין אין געלט זאכן אדער ביזנעס, כאטש וואס מ'ווייסט קלאר טיף אינעווייניג אז אויב מ'וויל זיין יושר'דיג און ערליך וואלט מען ווען געדארפט טוען איין וועג, אבער די מוח הייבט אָן צו פאבריצירן הונדערט און איין תירוצים פארוואס מ'מעג טוען אנדערש, ביז מ'מיינט טאקע אז ס'איז ריכטיג אזוי צו טוען למעשה. אדער ווען מ'ווייסט אז דער רצון ה' איז אז מ'זאל גיין לערנען און דאווענען, אבער די נגיעה צו מאכן מער געלט הייבט אָן צו שפילן און מסביר זיין פארן מענטש ווי וויכטיג ס'איז יעצט יא צו בלייבן אין אפיס און וויפיל תועלת ס'וועט באמת זיין אויב מ'וועט מאכן מער געלט. און דאס זעלבע איז ווען מיר ענטפערן אינפארמאציע אויף איינעם פאר א שידוך וכדומה, ווען די זעלבע ווערטער קענען ווערן געדרייט מיט א אנדערע נוסח אדער אן אנדערע טאָן לויט אונזערע נגיעות, ווייל מיר האבן א געוויסע רצון און א פלאן, דעריבער לאזן מיר זיך פירן דורך די געפילן וואס הייסן אונז זאגן געוויסע זאכן. און אזוי קען מען מאריך זיין מיט צענדליגע דוגמאות וואס שפילן זיך אפ טאג טעגליך און דער מענטש איז א 'נוגע בדבר' און ער קען נישט טראכטן קלאר און ריכטיג צוליב זיינע נגיעות און חשבונות וואס ער האט.

**און דאס איז די עבודה פון א איד זיך צו שטארקן אויף די נגיעות און לעבן א לעבן פון התבטלות, תמימות, און ערליכקייט. ווען מ'פילט אין הארץ אז דער אייבישטער וויל פון אונז א געוויסע זאך, אפילו אויב דער מוח איז פארנומען מסביר זיין פארוואס נישט, איז די עצה זיך מבטל צו זיין און מוותר זיין אויף די אייגענע אינטערעסן, יא טוען דאס ריכטיגע און זיך לאזן פירן פונעם רצון השם, נישט לאזן די חשבונות און רצונות אונז איבערנעמען. איי די אנדערע זייט זעהט דאָך אויס אסאך בעסער פאר מיר? איך וואלט שטארק געקענט באשטיין צו פארדינען מער געלט, אדער אפרעדן יענעם פון טוען דעם שידוך מיט פלוני, אמת טאקע, אבער איך בין זיך מבטל און איך טו וואס איז אינגאנצן ריכטיג און אויסגעהאלטן, איך זוך צו טוען דעם רצון ה', איך זיך זיך צו פירן מיט אמת און יושר כאטש מיינע נגיעות שרייען פארקערט.**

די גרעסטע 'ברכה' פאר א איד איז ווען ער לעבט מיט התבטלות צום אייבישטער און שטארקט זיך צו טוען זיין רצון אפילו ווען ס'געפעלט אים נישט אזוי און אפילו ווען ער מיינט אז ער פארשטייט בעסער. און די גרעסטע 'קללה' איז ח"ו ווען א איד לאזט זיך פירן פון זיין מוח און זיינע ענדלאזע תירוצים און היתרים פארוואס מ'מעג טוען פארקערט ווי דאס וואס איז ריכטיג. און ווי געזאגט איז דאס בכלל נישט גרינג, ווייל

אסאך מאל ווייסן מיר אפילו נישט צו אידענטיפיצירן א 'נגיעה' און מיר ווייסן בכלל נישט אז די סיבה פארוואס מיר באשליסן א געוויסע וועג איז צוליב אייגענע אינטערעסן, ווי אויך אסאך מאל הערן זיך די קולות פון די גאנצע סביבה ארום, יעדער טוט א געוויסע זאך, דער גאנצער עולם פארשטייט, קיינער איז נישט מקפיד, וכו' וכו' וויפיל זאכן קענען אלעס פארבלענדן די אויגן אז מ'זאל בכלל נישט דערהערן דעם אמת'דיגע אינערליכע רוף פונעם הארץ און ארויסהאבן וואס איז ריכטיג. מען דארף אסאך יישוב הדעת און התבוננות טיף אין זיך צו דערגיין אויב איך בין א נוגע בדבר אדער נישט.

ווי ס'איז באקאנט די קושיא וואס די וועלט פרעגט, ווען אליעזר רעדט צו לבן און בתואל און ער זאגט זיי איבער די רייד וואס ער האט געהאט געזאגט פאר זיין האַר אברהם "אֻלַי לֹא תֵלֵךְ הָאִשָּׁה אַחֲרָי" אפשר וועט דאס מיידל נישט וועלן נאכגיין נאך מיר, און דארט שטייט טאקע די וואָרט "אֻלַי" אָן די אות ו' כדי מרמז צו זיין דעם רמז פון "אֵלַי" אז אליעזר האט געוואלט נעמען יצחק פאר אן איידים פאר זיך. און לכאורה איז שווער, ווייל ביים ערשטן מאָל ווען אליעזר האט גערעדט צו אברהם אבינו דירעקט, דארט שטייט די ווערטער "אוּלַי לֹא תֹאבֶה הָאִשָּׁה לָלֶכֶת אַחֲרַי", און די וואָרט אוּלַי האט יא אין זיך אַ ו', דארט איז בכלל נישט מרומז דער "אֵלַי" וואס אליעזר האט געמיינט מרמז צו זיין פאר אברהם (נאר שפעטער ווען אליעזר חזר'ט איבער די מעשה פאר בתואל און לבן, און ער רעדט שוין נישט צו אברהם אבינו, נאר דא שטייט "אֻלַי" אָן אַ ו') לכאורה וואלט דארט געווען די פאסיגע פלאץ פאר די תורה צו שרייבן די כוונה פון אליעזר בשעת ווען ער רעדט צו אברהם אבינו אז ער וויל איהם זאגן "אֵלַי", ווייל דארט האט ער עס באמת געבעטן און פארלאנגט.

האט **דער קאצקער רבי זי"ע** געענטפערט א דבר נפלא, אז ווען איינער איז א 'נוֹגֵעַ בְּדָבָר' און ער זאגט עפעס צוליב זיינע אייגענע אינטערעסן און נגיעות וואס ער האט אין די זאך, און ער וויל אז ס'זאל זיין דווקא וויאזוי ער פארשטייט, באמערקט ער אפילו נישט אז ער רעדט אזוי צוליב נגיעות, ער טראכט ביי זיך אז ער האלט 'באמת' אזוי און ער מיינט גארנישט זיך. און ממילא ווען אליעזר האט גערעדט דאס ערשטע מאָל צו אברהם און ער האט שטארק געוואלט אז אברהם זאל זיך משדך זיין מיט אים, דעמאלטס האט ער אפילו נישט באמערקט ווי ער וואַרפט אריין רמזים פאר אברהם! ער איז געווען זיכער ביי זיך אז ער זאגט "אוּלַי" לֹא תֹאבֶה הָאִשָּׁה (און ער האט ניטאַמאָל באמערקט אז ער זאגט "אֵלַי", און דערפאר שטייט טאקע אוּלַי מיט אַ ו' וואס זעט בכלל נישט אויס ווי אֵלַי) נאר צום סוף ווען ער האט שוין געזען ווי דער שידוך מיט רבקה גייט געשלאסן ווערן, און זיינע נגיעות האבן זיך שוין געענדיגט, ערשט יעצט האט ער זיך געכאפט אז ער האט פריער געמיינט צו זאגן "אֵלַי - אֵלַי".

**און דער קאצקער רבי האט געזאגט אז דאס איז א מורא'דיגע מוסר השכל פאר א מענטש צו ווייסן ווי שווער עס איז צו טראכטן ריכטיג בשעת ווען ער האט זיינע אייגענע נגיעות, ווייל ער איז אזוי שטארק נוֹגֵעַ בְּדָבָר אז ער ווייסט אליינס נישט דערפון.**

על כל פנים, לאמיר צוריקגיין צו די מעשה מיט אליעזר און אברהם אבינו, און אנהייבן מיט די קוק ווינקל פון אליעזר'ס אויגן. אליעזר שטייט ביי די שווערסטע נסיון פון זיין לעבן, דא האלט ער אז ער האט א פאסיגע טאכטער וואס קען זיין די מאמע פון כלל ישראל, ער וויל איר אריינלייגן אין אברהם אבינו'ס שטוב צווישן די הייליגע אמהות, ער וויל האבן די זכיה ארויסצוקריכן פון זיין עבדות און ווערן דער מחותן מיט אברהם אבינו, ער וויל זוכה זיין צו יצחק אבינו און זיך מדבק זיין מיט ברכה, און ער קומט טאקע צו אברהם אבינו מיט זיין פארלאנג. אבער אברהם איז נישט מסכים דערצו (ווי מיר וועלן דערהערן ווייטער) און זאגט אים אז דאס קען נישט געשען. אליעזר'ס נגיעה איז דאָך אֵין לשער, מיר קענען זיך קוים פאָרשטעלן זיין צער און עגמת נפש, און נישט נאר דאס, נאר ער אליין דארף זיין דער שליח צו גיין זוכן עפעס אַן אפגעריסענעם בתואל (וואס ער איז דאָך באמת אסאך בעסער פון אים) אלס א מחותן פאר אברהם אבינו אין זיין פלאץ, יענער גייט זוכה זיין און נישט ער, און ער גייט דאס אלעס צוקוקן מיט זיינע אויגן און זיין דער וואס ברענגט עס נענטער, ער גייט מְאַבֵּד זיין מיט זיינע אייגענע צוויי הענט א געלעגנהייט וואס ער האט אזוי משתוקק געווען און געהאפט דערצו און געהאלטן אז עס איז ריכטיג... נו, אפילו ער איז גאנץ אן ארנטליכער עבד און ער נעמט אָן אויף זיך די שליחות צו גיין זוכן דעם שידוך, אבער מיר אין זיין פלאץ וואלטן זיכער 'געשלעפט די פיס', מיר וואלטן פראבירט און געהאפט אויף אלע סארטן וועגן אז די שידוך זאל נישט צושטאנד קומען. ער וואלט געקענט זוכן א כלה פאר יצחק, אבער מאכן זיכער נישט צו טרעפן, ער וואלט געקענט אויסשטעלן זיין נסיעה אזוי אז ס'זאל זיך אויסלאזן אָן גארנישט, ער דארף נישט טוען קיין סאך דערצו, ער דארף נאר זיין אביסל פויל און זיך נישט צופיל אנשטרענגן און ממילא וועט נישט זיין קיין שידוך פאר יצחק, און אפשר דאָך, אפשר יעצט אז ס'וועט נישט זיין קיין צווייטן וועט זיך אברהם ברעכן און מסכים זיין זיך משדך צו זיין מיט אים.

און ווי מיר האבן דערמאנט, וויפיל מאל ווייסט דער מענטש בכלל נישט אז ער איז א נוגע בדבר, עס פאלט אים אפילו נישט איין אז די סיבה פארוואס ער פוילט זיך איז צוליב א חשבון וואס איז באגראבן טיף טיף אינעווייניג. אליעזר וואלט זיך געקענט לאזן פירן פון זיין מוח און זיינע נגיעות און שפירן אז ער האט 'באמת' נישט געטראפן די באשערטע מיידל, עס וואלט זיך אים געקענט דאכטן אז ער האט געטון וואס נאר מעגליך און ס'האט פשוט נישט מצליח געווען.

אבער אליעזר איז דער געטרייער עבד אברהם, און ער באשליסט זיך אריינצווווארפן אין זיין שליחות מיט די גאנצע הארץ, כאטשיג ס'טוט טאקע וויי און ס'איז בכלל נישט גרינג, אבער דאס איז די ריכטיגע זאך צו טוען! זיין רבי אברהם האט אים אויסגעוועלט צו גיין טרעפן א מיידל וואס איז פאסיג פאר יצחק, לייגט ער אוועק אלע זיינע געפילן אין א זייט, ער שטארקט זיך און ער גייט טוען וואס עס פארלאנגט זיך פון אים באמת! ער שטייט און איז מתפלל און מאכט א סימן אז השי"ת זאל אים שיקן די ריכטיגע זיווג פאר יצחק, ער איז מתפלל אז זיין שליחות זאל זיך ענדיגן מיט הצלחה, קעגן זיינע אייגענע אינטערעסן! ביז ס'איז טאקע מקויים געווארן, הקב"ה פירט אים צו צו די ריכטיגע מיידל, און ער איז זוכה צו טרעפן די כלה פאר יצחק. **אין יענע מינוט ווערט ער אנגערופן אין פסוק "בּוֹא בְּרוּךְ ה'", יעצט, דייקא יעצט ווען ער האט אדורכגעבראכן אלע מויערן פון אייגענע נגיעות, ווען ער האט באוויזן די זעלטענע גבורה פון זיך קענען שטארקן איבער זיך אליין און ער האט געטון וואס איז ריכטיג, דעמאלטס איז ער "יצא מכלל ארור לכלל ברוך", פלוצלינג איז ער שוין נישט פארשאלטן, ער קריכט ארויס פון זיין מצב אין קללה, און ער ווערט א ברוך, ער ווערט דערהויבן אין רוחניות און דערנענטערט צום אייבישטער.** דאס האט נישט געקענט פאסירן קיין איין מינוט פריער, נאר דווקא דא ביים סוף, ווען ער זעהט שוין מיט די אייגענע אויגן ווי די שידוך גייט ווערן, ער שטארקט זיך מיט די גרעסטע כוחות אויסצופירן וואס איז ריכטיג, און ער ווארפט נישט אריין עפעס א ווארט אדער א רמז צו צושטערן דעם שידוך, ער פראבירט נישט צוריקצודרייען אז אפשר דאָך זאל מען אים אויסוועלן... דאס איז די מינוט ווען ער האט זוכה געווען צו די לעבטיגקייט פון זיין "**יצא מכלל ארור לכלל ברוך**".

און דאס וועט אונז פארענטפערן פארוואס האט טאקע אברהם אבינו געזאגט פאר אליעזר דעם אמת אין פנים אריין אז ער איז א ארור און יצחק איז א ברוך און זיי קענען זיך נישט צוזאמקלעבן. נאר, אברהם אבינו האט שוין געהאלטן דא נאך זיינע עשר נסיונות אין וועלכע השי"ת האט אים אויסגעפרואווט מיט אט דאס, צו זעהן אויב ער וועט זיך שטארקן אויף זיינע נגיעות. סיי ביים ערשטן נסיון ווען ער הייסט

פאר אברהם אבינו **לֶךְ לְךָ מֵאַרְצְךָ וּמִמּוֹלַדְתְּךָ וּמִבֵּית אָבִיךָ**, צו נעמען דעם וואַנדער שטעקן אין די הענט אריין און פארלאזן זיין לאנד, זיין סביבה, זיין משפחה, אלעס וואס ער האט געהאט ביז יעצט. אברהם אבינו וואלט געקענט האבן א בארג מיט תירוצים פארוואס נישט צו פאלגן, דא אין חָרָן איז ער מסודר, ער האט וואו צו וואוינען, ער מאכט גרים און פארשפרייט געטליכקייט אויף די וועלט, זיינע נגיעות וואלט אים געקענט פירן אזוי אז נישט אים מיינט מען... אבער אברהם אבינו לעבט מיט א התבטלות און א תמימות ווען ס'קומט צום רצון השי"ת, ער שטארקט זיך איבער יעדע מענטשליכע געפיל, און לויפט טוען וואס מ'האט אים געהייסן. דאס זעלבע חזר'ט זיך איבער ביי אלע נסיונות, און בפרט ביים לעצטן נסיון, די נסיון העקידה, אברהם אבינו האט שוין ענדליך זוכה געווען צו א קינד ביי די הונדערט יאר, עס זעהט אויס ווי זאכן הייבן שוין אָן צו זיין רואיג, אבער ניין, השי"ת הייסט אים מקריב זיין יצחק פאר א קרבן, אברהם אבינו וואלט געקענט האבן אלע סארטן טענות און תירוצים קעגן דעם, דער אייבישטער אליינס האט דאָך אים צוגעזאגט **כִּי בְיִצְחָק יִקָּרֵא לְךָ זָרַע** אז ער וועט זוכה זיין צו דורות פון יצחק, און דא דארף ער אים גיין שחט'ן? ער האט געהאט טויזנטע נגיעות דאס נישט צו טוען, אדער על כל פנים זיך נישט איילן צו טוען דער רצון ה', אבער אברהם אבינו שטייט פעלזן פעסט און לויפט זיך מבטל זיין צום ציווי השי"ת אָן קיין שום שאלות און חקירות, ווייל אברהם אבינו איז דער ברוך, ער איז געבענטשט, ער איז זוכה נאכצוגיין דעם אייבישטער מיט א שלימות אָן קיין אייגענע חשבונות און רצונות פאר זיך. און ווי ס'שטייט טאקע אין אונזער פרשה "וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל" אברהם אבינו איז געבענטשט, אפילו ווען דאס לעבן גייט אים נישט אזוי גוט, אפילו ווען שרה אמנו איז נפטר געווארן, אפילו ער איז אדורכגעגאנגען אזויפיל, אבער אברהם איז געבענטשט! ער לעבט מיט'ן אייבישטער און נישט מיט זיך, ער קוקט נישט אויף זיינע געפילן און נגיעות.

אברהם אבינו זעהט דאס אלס א חלק פון זיין תפקיד **"לְמַעַן אֲשֶׁר יְצַוֶּה אֶת בָּנָיו וְאֶת בֵּיתוֹ אַחֲרָיו וְשָׁמְרוּ דֶּרֶךְ ה' לַעֲשׂוֹת צְדָקָה וּמִשְׁפָּט"** ער זייט איין קערנדלעך און איז מחנך זיינע קינדער און שטוב מענטשן צו טוען דעם רצון השי"ת (ווי דערמאנט אין פרשת וירא) און דעריבער קומט ער יעצט איינפלאנצן אט דעם קערנדל אין זיין קנעכט אליעזר. ווי מיר ווייסן פון חז"ל איז אליעזר געווען גאר א גרויסע מענטש, א צדיק און א בעל מדריגה, און ווי חז"ל זאגן אז ער איז געווען דער "דולה ומשקה מתורת רבו לאחרים" ער האט מקבל געווען תורה פון אברהם אבינו און עס איבערגעגעבן פאר די וועלט, ער איז געווען א 'מושל ביצרו' און געהאט די זעלבע צורה ווי אברהם אבינו ווי די מדרש זאגט, וואס דאס אלעס ווייסט אויף זיינע מדריגות. און דעריבער האט אברהם אבינו געוואוסט אז דאס איז די איינציגסטע שליסל פאר אליעזר ארויסצוקריכן פון זיין ארור'שאפט, ער האט געוואוסט אז ער מוז איבערגעבן פאר אליעזר זיין געטרייער קנעכט אט די נסיונות וואס ער האט אליינס מיטגעמאכט און בייגעשטאנען מיט א שטארקייט, דאס מוז ער יעצט מחנך זיין און אויסלערנען פאר אליעזר, און נאר אזוי וועט ער צוקומען צו זיין א ברוך.

אברהם אבינו גיבט דא פאר אליעזר די גרעסטע מתנה אין זיין לעבן ווען ער זאגט אים אין פנים אריין, **"בני ברוך ואתה ארור, ואין ארור מדבק בברוך"**, דאס איז עס! ס'איז א פאַקט אז מיר קענען זיך נישט משדך זיין, א מציאות וואס מ'קען נישט טוישן, אבער איך וויל נאך אלס אז דו אליעזר, דייקא דו זאלסט זיין מיין שליח און זיך אנשטרענגן צו ברענגן א צווייטן, דו טרעף א אנדערע שידוך פאר מיין זון. אליעזר האט געהאט אלע רעכטן 'ארויסצובעקן' פון זיין שליחות, מיר וואלטן אים אלע גוט פארשטאנען ווען ער זאגט פאר אברהם, "רבי לעבן, איך קען נישט, איך בין נישט מסוגל צוצוקוקן ווי יענער וועט באקומען דאס וואס איך האב אזוי געוואלט"... אזוי אויך האט אליעזר געהאט די ברירה אויפצוגעבן ביים לעצטן מינוט, ווען ער זעהט ווי ס'גייט שוין כמעט געשלאסן ווערן דעם שידוך מיט א צווייטן, כאטש אין אנהייב איז ער יא געגאנגען מיט א גוטן ווילן צו העלפן, אבער יעצט וואלט ער געקענט געבן א שפרינג ארויס און צוריקהאלטן דעם שידוך, ווייל ער האלט עס שוין נישט אויס... אבער דאס איז געווען אליעזר עבד אברהם, ער האט געלערנט די אמת'דיגע גבורה בייצושטיין דעם נסיון פונקט ווי זיין רבי אברהם וואס האט נישט אויפגעגעבן! און ער פירט אויס זיין שליחות מיט אמונה און געטריישאפט ביז'ן סוף, און טאקע דאס, נאר דאס, מאכט אים זיין א "יצא מכלל ארור לכלל ברוך".

און ווי **הגאון הגדול רבי יצחק דוב קאפעלמאן ראש ישיבת לוצערן זצ"ל** האט געטייטשט די ווערטער אין רש"י אין אונזער פרשה "**יפה** שיחתן של עבדי אבות" **ווי שיין איז די שמועס פון אליעזר, וויפיל קענען מיר זיך אפלערנען דערפון**...

און טאקע דערפאר איז די תורה הקדושה אזוי מאריך דערין כדי מיר זאלן זיך לערנען, ווייל דאס איז אונז אלע נוגע אין אלע ענינים, אין רוחניות, אין גשמיות, און אפילו אין די טאג טעגליכע קליינigקייטן אין שטוב, מיט די משפחה, מיט די קינדער, וויפיל מאל כאפט זיך אריין א קליינע נגיעה פון אומצופרידנהייט, אז קיינער אנערקענט סיוּוי נישט וואס איך טו דא אלס, קיינער פארשטייט נישט ווי שווער איך ארבעט און וויפיל איך שטרענג זיך אָן, און מ'הייבט אָן צו ווערן אנגעגעסן און דערביטערט דורך די אייגענע נגיעה. אבער אויב מ'איז זוכה, אויב מ'איז מתפלל און מ'בעט השי"ת זאל העלפן אז מיר זאלן זיך שטארקן און טוען ווייטער וואס איז ריכטיג, אָנצוגיין מיט א תמימות און התבטלות מיט א שטארקייט אז **"איך טו וואס איז ריכטיג, נישט קיין חילוק אויב איינער זעהט אדער אנערקענט, איך טו וואס אבינו שבשמים וויל פון מיר, איך בין א גוטע טאטע, מאמע, מאן, ווייב, קינד, וכו' און איך לאז זיך נישט ווערן אראפגעשלעפט דורך די נגיעות וואס ווילן מיר פארדרייען און מאכן וועלן זיך טוישן אדער טוען אנדערע זאכן וואס זענען נישט ריכטיג"**, דעמאלטס איז מען זוכה צו די גרעסטע ברכה, מען ווערט געבענטשט, ווייל אפילו א 'אָרור' קען ווערן געטוישט אויף ברוך, אויב טוט ער וואס איז ריכטיג און איז זיך מתגבר קעגן זיינע נגיעות און אייגענע נטיות, על אחת כמה וכמה א איד וואס וויל זיין גוט, און שטרעבט צו טוען וואס איז ריכטיג, און לייגט אריין כוחות, דער וועט דאָך זיכער שטייגן אויפן לייטער פון ברוך און ווערן מער און מער געבענטשט.

און אפילו מיר זעען נישט אייביג מיט די אויגן די ברכה, מיר זעען נישט וואו מיר זענען רייכער געווארן, איז עס אבער א רוחניות'דיגע ברכה, א ברכה אין אונזער נפש, פונקט ווי די תורה שרייבט נישט דא פאר אונז וואס עס האט למעשה פאסירט מיט די טאכטער פון אליעזר, ווייל נישט דאס איז אונז נוגע, און ס'איז נישט קיין חילוק וויאזוי די זאכן שטעלן זיך אויס בגשמיות, מיר דארפן נאר וויסן אז דורכ'ן גיין מיט די אמת און מיט די ריכטיגע התבטלות קענען מיר זוכה זיין צו ברכה, וואס דאס איז די גרעסטע זאך צו וואס א איד קען זוכה זיין, צו זיין געבענטשט פון השי"ת, "וַה' בֵּרַךְ אֶת אַבְרָהָם בַּכֹּל".

לסיכום געדענק:

- **'קללה'** - איז ח"ו ווען א איד לאזט זיך פירן פון זיין מוח און זיינע ענדלאזע תירוצים און היתרים פארוואס מ'מעג טוען פארקערט ווי דאס וואס איז ריכטיג.
- **'ברכה'** – איז ווען א איד לעבט מיטן קלארקייט אז "איך לאז זיך נישט ווערן אראפגעשלעפט דורך די נגיעות וואס ווילן מיר פארדרייען און מאכן וועלן זיך טוישן אדער טוען אנדערע זאכן וואס זענען נישט ריכטיג – נאר גאר פארקערט דער איד לעבט מיט התבטלות צום אייבישטער און שטארקט זיך צו טוען זיין רצון מיט תמימות.

## א לעכטיגע שבת קודש!

זיך איינצושרייבן צו באקומען די "מיט א טיפערן בליק"
דורך אי-מעיל בעז"ה tiferenblik@gmail.com